STEVEN SPIELBERG DIGITAL
YIDDISH LIBRARY NO. 18975

LUFTBLUMEN

Lev Berinsky

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18975-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657189754T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

לעוו בערינסקי

פּאָעמע

אירענע פֿרענקעל

בילדער

לופֿטבלומען

די פּאָעמע **"לופטבלומען"** פון לעוו בערינסקי און דער בילדער-ציקל פון אירענע פרענקעל זײַנען געשאַפן געוואָרן האַרבסט 1999, אין דער ווילע **וואַלדבערטאַ**, פעלדאַפינג, בײַ דער שטילער שטאַרנבערגער אָזערע הינטער מינכען.

***

לעוו בערינסקי איז געבוירן געוואָרן 1939 אין קאַוושאַן, בעסאַראַביע.
אולה געווען פון מאָסקווע 1991.
לעבט אין עכו (Akko).

דעביוטירט מיט רוסישע לידער אין 1953, מיט יידישע - אין 1981. זײַנע לידער און פּאָעמעס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש, פראַנצייזיש, דײַטש, עברית, רומעניש אאַז"וו.

לעוו בערינסקי:
"מײַנע בלומען, וואָס באַשטייען פון לופט, זײַנען וווּנדערלעך, אָבער בלויז אויף אַ וויזועלן ניוואָ, ווײַל זיי עקסיסטירן ניט. די פּאָעמע איז, אַזוי אַרום, אַן אויספאָרשונג פון אַ סובסטאַנצ-לאָזער דעמאַטעריאַליזירטער פלאָרע, געשריבן אויף אַ שפּראַך פון וועלכער מען דערוואַרט ווערטער וועגן אויסראָטונג פון אייראָפּעיִשן יידנטום".

***

אירענע פרענקעל איז געבוירן געוואָרן אין קעשענעוו, בעסאַראַביע, און איז אויסגעוואַקסן אין מאָסקווע, וווּ זי האָט סוף 70ער - אָנהייב 80ער יאָרן פאַרענדיקט דעם פּאָליגראַפישן אינסטיטוט און געהערט, ווי אַ מאָלערין, צו דעם יונגן דור פון רוסישן אומקאָנפאָרמיזם.
1990 עמיגרירט קיין אַמעריקע.
לעבט אין פילאַדעלפיע.

אירענע פרענקעל:
"אין מײַנע בילדער וויל איך פאַראייניקן די יידישע פילאָסאָפיע און די בראשית-מסורה מיט דער אַמעריקאַנער קאָנצעפּציע פון אַ רעאַלער קאָעקסיסטענץ פון קולטורן, רעליגיעס אד"גל. און מײַן רוסישער הינטערגרונט געפינט זײַן אויסדרוק אין דעם מיטאָלאָגישן וועלטבאַנעם".

***

אַלכּסנדר גאַנעלין איז געבוירן געוואָרן 1957 אין מאָסקווע, 1974 פאַרענדיקט אַ קונסט-שול, און 1980 - דעם קונסט-פאַקולטעט פון דעם מאָסקווער קינאָ-אינסטיטוט. זינט 1980 זיך באַטייליקט אין בילדער-אויסשטעלונגען אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער.
אולה געווען 1991. לעבט אין בת-ים און איז טעטיק ווי אַ מאָלער און גראַפיק-דיזײַנער.

לעוו בערינסקי
פּאָעמע

אירענע פֿרענקעל
בילדער

לופֿטבלומען

לעוו בערינסקי
פּאָעמע

אירענע פֿרענקעל
בילדער

לופֿטבלומען

wal
dbe
rta

ווילע וואַלדבערטאַ
האַרבסט
1999

פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ ישׂראל

תּל-אָביב
2001

דיזיַין: אַלכּסנדר גאַנעלין

aleXander graphic design studio

ISBN 965-7012-46-5

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער הילף פֿון:
בית שלום עליכם

איציק און געניאַ מאַנגער־פֿאָנד
בײַם קרן יהושע רבינוביץ לאמנויות תל-אביב

י. ל. פרץ־פֿאַרלאַג

נדפס בישראל תשס"א

לופֿטבלומען

א׳

זיי פֿליִען ווי פֿון אונטער דר׳ערד אַרויס
און שוועבן, ווי באַלאָנען, איבער דעכער,
זיי אָטעמען און ווערן וווּנדער־גרויס,
די לופֿט פֿילט אָן דעם גולם, הערט, זיי דעכען.

די וואָרצלען - דינע לאַנגע פֿעדעם שייַן
ציִען זיך נאָך און הענגען אין דער לופֿטן,
און פֿינטלעך נאַכט, ווי ברעקלעך באָדן, דופֿטן
מיט חושך אונטערערדישן און פּייַן.

און איר, מיט אייַערע פֿאַרבן און מאָלבערטן -
איר הייבט די אויגן אויף און לויפֿט זיי נאָך
אַרום דער ווילע פּרעכטיקער Waldberta
מיט אירן שפּיץ איבערן הויכן הויז,
וואָס לעכערט דורך דעם לופֿטקאָנטור - אַ לאָך
פֿאַרגיסט דעם רויטן בלאַט, און באַלד שוין ווערט ער
אַ שד - און ס׳רינט די בלום פֿון אים אַרויס.



A

ב׳

די ביימער ווילן אויכעט פֿליִען.
זיי נעמען אָן אַ פֿולן גוף
מיט לופֿט - ס׳אומזיסט אָבער דאָס מיִען,
דאָס ציִען זיך אין הייך אַרויף.

צו לאַנגצווייַגיק און צו שווערינאָריק,
און צו האָלצפֿליישיק איז דער טול,
און די פֿאַרוואָרצלטקייט - צו טרויעריק
אויף צו אויפֿפֿלאַטערן אַ מאָל.

די ערד, דער הומוסגרונט, דאָס אײַזן
אין טיפֿענישן, דער מאַגנעט
פֿון גלאָב - דערלאָזט קיין הימלרײַזן:
זיי האַלט, זיי האַלטן דעם פּלאַנעט.

בלויז איין מאָל, אפֿשר, אין זייער לעבן,
אין אַ משוגע־ווײַסער נאַכט,
פּרוּווט די לבנה זיי אויפֿהייבן -
די ערד הייבט אָן אַליין צו שוועבן
און איבער זיי פֿאַרלירט די מאַכט.

זיי וואַגן אָבער ניט צו גלייבן:
דער פּחד זיצט אין זיי און לאַכט.

ג׳

יוצר־משרתים - דער שמעקער פֿון אַסטרעס
רײַסט אָפּ אַ לופֿטבלימל, קוקט, און צערײַסט עס -
עפּעס געפֿעלט מײַן בראשית אים נישט.
נעמט דער משורר, דער שטילסטער משרת -
ער קלעפּט מיט זײַן סלינע, פֿאַרנייט שוין מיט שורות,
פֿילט אָן מיטן אָטעם דעם בלומקנאָספּ - און קושט.
ריזיקע רויזן און רויטע טולפּאַנען
עפֿענען אויגן - און פֿליִען, און שפּאַנען
נאָענט און ווײַט אין דער בלויקייט - עהיי!
קום מיט זיי מיט אין דער לופֿטן, אירענע,
ערגעץ דאָרט וואַרט שוין אויף אונדז די אַרענע -
לאַכן און לצעווען, וויינען פֿון וויי.

ד׳

אויף בלימעלעך פֿון וואָס פֿאַר אַ קאַליבערס
פֿליִען צונויף זיך נאַשן די קאָליבריס?

אויך מײַנע בלומען האָבן נישט קיין נאָמען.

זיי האָבן נישט קיין צײַטגרענעץ און אַדרעס -
עס פֿליִען פּטעראָדאַקטעלס, ס׳פֿליִען אָדלערס,

דער מלאך מיט די טויזנט אויגן גופֿא -
די אייביקייט איז, אייגנטלעך, זײַן תּקופֿה.

זיי פּיקן אָן די ריזנבלומען מײַנע.

אָט לאַנדעט אויף מײַן שענסטער, ווי אַ לײַנער,
דער מאָנסטער אומגעהײַערער - פֿאַרהונגערט
און דאָרשטיק זופּט ער ס׳צוואַנציקסטע יאָרהונדערט.

און ס׳רינט אַרויס די זיסטע צײַט די סאַמע:
מײַן מאַמע ריזלט, אַך, מײַן יונגע מאַמע...

עס פֿליסט, עס שפּרודלט און עס פֿאַלט אַ טראָפּן,
און צו פֿאַרשטאָפּן - האָב איך ניט קיין פּראָפּן.

ה׳

אין אָנדענק פֿון היעראָנימוס - אין איינעם
ווען אַרײַן מיר אין אַ גרויסער בלום
און זיך צעלאַכן דאָרט אָדער צעוויינען
צי אפֿשר שווײַגן, קוקנדיק אַרום.

אַ רויטע וועלט, פֿון אויסן אויסגעבויגן,
שפּיגלט זיך אָפּ און רייצט - אין דײַנע אויגן.

אין אָנדענק פֿון מײַן לעבנס־יום־טוב גרויסן
וואָלטן מיר דאָ נאָך תּאוות ניט געבענקט,
ווען אָבער כ׳ווייס, צי זעט מען אונדז פֿון דרויסן,
צי ס׳דאָ כאָטש איינער ווער אונדז פֿאַרגעדענקט.

נאַרציס בײַם וואַסער, פֿלאַכן ווי אַ שיסל,
איז קעגן מיר - אַ פּישער, אַ נאַרציסל.

אין אָנדענק פֿון אויסשעפּיקער פֿאַרגעסונג
האָב איך פֿאַרפֿלאַנצט די לופֿט, ס׳חלל־געבלום,
און ס׳ציטערט, גלײַך ווי ס׳ציטערט פֿאַר אַ בייז אויג,
דער אויסגעהוילטער, הויליקער אַרום.

נאָר דו און איך. און דאָס איז שוין אַ נס.
גיב מיר אַ קוש, אירענע, און פֿאַרגעס.

ו׳

נישט קיין בוקעט
פֿון רויזן נאָר אַ גרויס
און לופֿטיק בלעזערל גרויס אפֿשר ווי אַ הויז
צי ווי אַ באַרג צי גאָר ווי אַ פּלאַנעט
אָדער פּלאַנעט־סיסטעם וואָס פּלוצעם וועט
צעשיטן זיך - ווי נאָר דו ס׳בלומוואַרג דאָס
נעמסט אין דער האַנט און - נאַ דיר! - כ׳מאַך אַ בלאָז
און אַ צעלאַך זיך...
אַך, וואָס פֿאַר אַ וועלט
צעפֿליט, צעפֿליסט, צעגייט זיך, וואַקסט און קוועלט
לויט איינשטיינס שלאָפֿגעזעצן - און ווי ס׳פּאַסט
דער קאָסמאָס צו דײַן פּנים: אַ מין פּאַס
פֿון ווײַסע שטערן־אָביעקטן נעמט אַרום
דעם קאָפּ, דעם מילכוועגיקן דײַן אָוואַל, l´amour
l´amour זינגט דאָס פּלאַטאָן־סיסטעם...

ס׳איז סתּם?

ז׳

דער שטאָף־ און לופֿט־אומבײַט איז בײַ די בלומען
אַן עקסיסטענץ־באַדינג, ווי אויך בײַם שטיין.
אָבער אַ בלויזע בלום אין הימל בלאָען,
וואָס האָט קיין גוף, און לופֿט איז זי אַליין?

זיי בײַטן זיך מיט פֿאָרמען, מיטן צוגווינט
און שײַן, מיט דער אָנוואָגיקייט און גרייס.
ווי דאָס קומט פֿאָר, וואָס ווערט פֿון דעם? - איך זאָג ניט,
כאָטש איך, דער איינציקער פֿון אײַך, דאָס ווייס.

אַ גורל, וואָס ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין בעסטן -
זיי קינדלען אין דער לופֿטן, און - איר הערט? -
זיי דאַרפֿן נישט קיין שטויבפֿעדעם און פעסטל,
ביז וואַנען איך געפֿין זיך אויף דער ערד.

פֿאַרשיידן זײַנען זייערע בלומענאַרטן -
נאָר וויפֿל ס׳איז באַשערט זיי ,ווי איך גלייב,
אַזוי פֿיל וועלן הייסן אַלע סאָרטן
טולפּאַן־בן־לב, צי ליליִע־בת־לייב.

און דו, און איר, ווען איך פרוּוו דערוועקן
און כ׳גיב אײַך זיי אַ בליק טאָן און אַ ריר -
לאָזט נישט אַרויס, ווען איך וועל שוין אַוועקגיין,
די לופֿטבלומען - פֿאַרמאַכט נאָך מיר די טיר.



ח׳

דער גרויסער בלאָזער לאָזט זיי אָפּ
אין הימלבלוי אָן שום אַחריות,
זיי וואַנדערן אַזוי אַרכאַיש
איבער די פֿעלדער, דאָרף און שטאָט.

ווי דיריזשאַבלען - פּוסט און דיק,
ווי זייפֿבלעזלעך - די קלענסטע בלימכען,
און בלײַבן הענגען איבער מינכען
מיט 66 יאָר צוריק.

און שוין די יאָרן־צאָל אַליין,
צוויי יוחנן׳ס זעקסן, זעקס און זעכציק -
זיי דרייפֿן ווײַטער, ווערן זעקסיש,
האָלשטײַניש, האָלענדיש... אוי ווײ,

זיי זײַנען שנעל אין פֿלוגפֿאַרמעסט,
זיי ווערן פֿיל, אין פֿלי פֿאַרמערטע,
און **פּלאַצן**, ווײַט שוין פֿון וואַלדבערטאַ,
און ס׳שיט זיך געלקייט אָדער פּעסט.

נישט איך, נישט איך האָב זיי געפֿלאַנצט
אַזוי סכּנהדיק און דראַסטיש.
כ׳בין ערשט געבוירן נײַן און דרײַסיק
אוך דאַן געזען דעם רויטן **פּלאַץ**.

אן אויפרייס
פון א בלום
אין הימל
א שטערנפאל אין מיטן נאכט
א שטערנדל
א
ש
פ ל י
ט ע ר
ב ל י מ ל

פאלט דיר אריַין
אין שלאָף
א פראכט

ט׳

אַן אויפֿרײַס
פֿון אַ בלום
אין הימל

אַ שטערנפֿאַל
אין מיטן
נאַכט

אַ שטערנדל
אַ שפּליטער
בלימל

פֿאַלט דיר אַרײַן
אין שלאָף
אַ פּראַכט

ר׳

אַ האַלבער הימל איז באַוועגלעך -
אַ שטראָם אַ נאַכטיקער אַ מין,
און גרויסע ליליעס פֿאַמעלעך
אין שלאָף באַוועגן זיך אויף אים.

די געלע, רויטע לופֿטבוטאָנען,
פֿאַרטרוימט... און פּלוצעם אַ פֿאַנטאָם -
אַ ווײַסער, דאַכט זיך, אַז מיט טאָנען
איבערגעלאָדענער קאָנדאָם.

פֿון האַרטן ליכט אַ דורכגעשטראַלטער,
פֿון דעם לבנה־טויטן ליכט,
פֿאַרשטומט, אין איין זיך אָנזען האַלט ער
אין גאַנצער גרייס און לאַסטגעוויכט.

ער איז כּמעט אויף ניט צו גלייבן
מיט זײַן אין שײַן פֿאַרשפּאַרטן דור -
אַ שפּאַלט צווישן נאַטור און לעבן,
אַ שטומער לאָך אין ענגל־כאָר.

ער הענגט אַראָפּ און שווימט אויף מערבֿ.
עס טראָגט אים שווער דער קאָסמאָס־ווינט,
און ס׳הערט זיך, ווײַט שוין איבער בײַרויט,
ווי ס׳וויינט אַרויס פֿון אים אַ קינד.

ײ״א

די לופֿט האָט ניט קיין פֿאַרבן און קיין שפּראַך.
איך לאַך, בשעת פֿון לופֿט - בוטאָנען כ׳מאַך.

פֿון Rosainsel, פֿון אַ בוים אַ קרומען
לאָז איך אין הימל גרויסע רויטע בלומען.

איך גיב אַ שפּרונג פֿון צווײַג אַראָפּ. איך זאָג:
האָפּ! Voila, signori. גוטען טאַג.

מיר זענען דאָ. זעט: רויזן צווישן קרײַטער.
אַ הימלטריק. די קלאָונערײַ גייט ווײַטער.

בוטאָנען שווימען, הענגען איבער טײַך.
צי קויפֿט איר בלומען פֿאַרן פֿערטן רײַך?-

ווײַל שוין צעפּראַלט האָט זיך אין הימל פּלוצלינג
אַ בלומענרײַך פֿון München און ביז Tutzing.

נאָר אויב מײַן טריק אײַך ניט ווי אימפּאָנירט -

____

____

____

__________ Brahms ________ hier __________ Wer ____________________

________ err ____________ at ______________________ kekom _______ niert _

–He– –ha– –ei– —

–dre– –po–

דער צוקער

איז אַן אָרגאַניק־שטאָף, דער עיקר.
דער קוילנדיאָקסיד אָבער, און ס׳וואַסער -
צוויי טויטע אַנאָרגאַנישע סובסטאַנצן.

די פּלאַנצן זײַנען אָבער ניט קיין שוואַנצן!

די פּלאַנץ ווייסט ווי אַזוי
פֿון אַנאָרגאַניק - אַן אָרגאַניק סינטעזירן.

לאָמיר נאָכשפּירן:

ווּ נעמט אַ בלום דעם כּוח אויסצופֿירן
אַזאַ גיגאַנטישן סינטעז־פּראָצעס?

עס
איז

די געטלעכע ענערגיע פֿון זון

פֿון

$$6\ CO_2 + 6\ H_20 + \text{שטראַלונג} \longrightarrow C_2H_{12}O_6 + 6\ 0_2$$

דערמיט

איז דער פּרינציפּ פֿון פֿאָטאָסינטעז
פֿאָרמולירט.

אונטער דער ווירקונג פֿונעם זונענליכט
פֿאַרבינדט דער כלאָראָפֿיל, אַ גרינער פֿאַרבשטאָף,
דעם קוילנדיאָקסיד פֿון אַטמאָספֿער
מיט וואַסער - ט׳איז ער, דער גליוקאָזע־צוקער!

זויערשטאָף

אַנטשטייט בלויז ווי אַן **אָפּפֿאַל־
פּראָדוקט,** of
drăguța, unde eşti...

י״ג

דער ווינט פֿון די אַלפּן, דער פֿען, די מאַגנעטישע וויוגע,
וואָס מאַכט שוין משוגע
דעם גאַנצן פּערזאָן־באַשטאַנד פֿון מיליטערישער באַזע
אין שלאָף, אין אַ פּאַזע
פֿון שטאַרבן צי חלשן, אין די באַרימטע קאַזאַרמעס
פֿון פֿאַר דער מלחמה, און שפּעטער, ווען נאַקעט און באָרוועס
דערשלעפּן זיך פֿלעגן אַהער די פֿאַרוואָגלטע, פֿון די קאַצעטן, -
דער ווינט פֿון די אַלפּן, וואָס לאָזט אונדז קיין כּוח אַ גלעט טאָן
דײַן סאַמעטנע לענד מיט דער סמוטנער מײַן האַנט, אויפֿן רײַכן
בעט־שטח, אַנטקעגן דעם שיינעם טרומאָ, ווו ס׳דערגרייכן
די אַלפּן־שיפּועים אַהער צו, ביז אונדזערע גופֿים, -
דער ווינט פֿון די אַלפּן, דער פֿען, אָדער ווי דו ווילסט רוף אים,
בלאַסט אויס, בלאָזט אַרויס צווישן מאַנדלען און ווייכן גומען
דעם דיך פֿונעם מענטשן - און ס׳שוועבן אין פֿענצטער
לופֿטבלומען.

ייִד

וואָס איז די נשמה אין פּוסטן קאָנטור? -
די ביִאָכעמיִע פֿון טויטער נאַטור.

ווי שאַפֿט זיך, אויב ס׳שאַפֿט זיך, און ווייניק צי פֿיל,
דער הויפּטקאָמפּאָנענט פֿון אַ בלום - כלאָראָפֿיל?

צי קען גאַראַנטירן דעם צוויַיגעלע בעז
אַ פֿאַרב און אַ ריח דער פֿאָטאָגענעז?

אָנזעטיקן, אפֿשר אויף אייביק איין מאָל,
די בלום מיט נעקטאַר און מיט זאַפֿט - מיט קראָכמאַל,
מיט צאַרטקייט און שיינקייט און שעמעוודיקייט...

וואָס זאָגט טימיריאַזעוו, דער בקי? ער שוויַיגט?

איך עפֿן דעם פֿענצטער. ס׳איז אָפֿן די טיר.
די בלומען אין הימל. דער צימער מיט דיר.
אַ פּראַכט פֿון אַ רויז. אַ נאַכט מיט אַ מויד.
אַ טויט פֿול מיט לעבן. אַ לעבן פֿול טויט.

אַ לאַנגע, אָנמעכטיקע, ליכטיקע נאַכט.

איז אָט וואָס ס׳איז ליבע, ווען מ׳האָט זי פֿאַרטראַכט
אין חלום, אין הימל, אין גראַם אויף פּאַפּיר...

פֿאַל צו, וויג זיך צו אויף דיַין לופֿטבלום צו מיר!

ט״ו

אַ גאַסט פֿון אַ וועלכן יאָרטויזנט
ס׳גיעקומען צו פֿליִען צו מיר? -
אַ פּראַכט פֿון די קינסטלעכע רויזן
פֿון לופֿט, פֿון אַ חלום־קאָליר.

דער ווינט הערט ניט אויף זיי צו גלעטן.
און איבערן ליידיקן גוף,
אַד, זון־קיִעלעד פֿון גן־עדן
מאַרשירן אַראָפּ און אַרויף

און זוכן דעם וועג, ז יַ נ ע דרכים
צום לעבן - אַראָפּ און אַרויף,
און דרינגען, ווי יאַנקעווס מלאכים,
אַרייַן אין מ יַ ן ג ע ט ל ע כ ן שלאָף,

און קערן זיך אום, ווי כּסדר,
צוריק אין ז יַ ן מ ע נ ט ש ל ע כ ן שלאָף -
אַ מין גאָר אומענדלעכער לייטער,
אַזאַ אויפֿגעבלאָזענער בלאָף.

און אונטערן לופֿטשירעם גרויסן
אין פֿעלד - אין דער ברייט, אין דער לענג -
שוין טויזנטער קינדער און רויזן
פֿאַרטשעפּען די הימלשע קרענק.



ט״ז

זאַט מיט פֿעלדאַפֿינגער קרעפּלעך,
האַקסן, קניידל, קרויטנדופֿט -
גייט דער מאַן אויסהאַקן טרעפּלעך
אין דער פֿעלדאַפֿינגער לופֿט.

העט אַרויף - אויף 100 ווערסטעס.
נישט אין אַלפּן - נאָר אין אַל,
נישט ווײַל ער קיין אַלפּיניסט איז,
נאָר ווײַל ער איז געניאַל.

שטײַגט אַרויף - און אַלץ געפֿעלט אים.
שטייט, באַטראַכט דאָס הימלוואַרג -
און הייבט אויף איבערן וועלטאַל
שוין אַ נײַעם צויבערבאַרג.

אַרום שפּיץ - לופֿטבלומען וואַקסן.
שטייט ער, קוקט, אַהער־אַהין -
נעמט אַ טולפּען, ווי אַ טאַקסי,
אַ מין רויטן צעפּעלין.

און די Opas, און די Omas,
און די Bubn - ווי פֿון אַ לאָך
פֿון דער טיף אים שרײַען: טאָמאַס!
פֿון דער ערד אים רופֿן: טאָ!-מאַס!
פֿון דער צײַט אים בעטן: טאָ... מאַס...

נאָר זײַן נאָמען גייט אים נאָך.

רײַז

איבער דער ריזלענדיק־ריזיקער אָזערע,
איבערן אַלפּן־שיפּוע אין דער ווײַט
הענגען לאַזורעווע, גרינע און ראָזעווע
גרויסע בוטאָנען פֿאַרלוירענער צײַט.

אויבן, אין פֿעלדאַפּינג, קוקט שוין דאָס שטעטעלע
פֿ ע ר ן - דעם לאַנג שוין דערוואַרטענעם מאַטש.
אונטן, בײַם ברעג - שטייט און לאַכט אַ קליין מיידעלע,
טענצלט און רעדט מיט דער מאַמען אויף דײַטש.

ס׳קומט אויפֿדערנאַכט. עס פֿאַרוואַלדיקט זיך, ענדערט זיך,
ווערט אומבאַנעמלעך די לאַנדשאַפֿט, כ׳באַמערק
ווי ניט באַמערקלעך מײַן לעבן פֿאַרענדיקט זיך...

ליידער ניט דאָ צווישן וואַסער און בערג.



י"ח

Im frühen Herbst mit roten Bäumen
am stillen See bei Feldafing
heb auf den Blick: in weiten Räumen
ein weißer schwerer Schmetterling,

ein Engel flattert, so altmodisch,
über dem Chaos – Wald und Moos,
und so zeiträumlich, fast talmudisch,
sieht der erhellte Weltraum aus.

Und Omina aus nächsten Ären
schon schwellen an im Abendlicht
wie große luftgefüllte Zähren,
verloren, ach, von Gottes leerem
Angesicht.

ייט

וואָס פֿעלט אונדז, אַז מיר זאָלן לעבן? -
ווי גראָז, פּשוט לעבעדיק זײַן,
ווי בלעזערלעך־זוימען עס שוועבן,
ווי ליליִעס שווימען אין שײַן.

וואָס פֿעלט אונדז? דאָס גרויסע ניט־וויסן?
באַשטויבונג אין פֿעלד, אַ מין סעקס?
פֿון זונשטראַל גליוקאָזע אַ ביסל -
דאָס $C_6H_{12}O_6$?

אַ דזשעגעכץ־קאַפּ פֿון אַ יונג ניסל,
כ׳זאָל ביטער פֿאַרזיסן די זינד?
אַ ביסל... איך ווייס נישט, אַ ביסל
פֿון דעם, וואָס סע פֿעלט אונדז אַצינד...

דער הימל, די פּוסטע אַרענע
פּלאַנירט אין אַ האַרבסטיקער שײַן -
צוויי לופֿטבלומען, קוק נאָר, אירענע,
זיי שווימען אין הימל אַרײַן.

די בלוי הייבט זיי אָן צו פֿארגיסן,
דער רויטער פֿאַרגאַנג־סוף אין פֿעלד.
ניט אומשטערבלעכקייט, נאָר אַ ביסל
פֿון לעבן - איז דאָס וואָס זיי פֿעלט.

זיי פֿליִען ניט־ערדיש, זיי קומען
פֿון ווײַטנס, קיין גוף און קיין גרעב,
צוויי בלוי־רויטע, רויט־בלויע בלומען
מיט פֿרעמדן און טויטן געוועב.

כ׳

גיב אַראָפּ נאָר אַ קוק - וויפֿל בלומען
אין די פֿעלדער, אויף לאָנקעס, אין וואַלד
אויף דיביימער, אין דאָרף אַרום ברונעם
האָבן זיך אויף דער ערד אויפֿעגפּראַלט.

גאַנץ געבלום און געבלים - בלומענשיידלעך,
האָניק־בעכערלעך, גריפֿלעך און קנעפּ,
שמאָלע פּיסקעלעך, פּעסטלעך און הויטלעך,
אַלע אַרטן פֿון צאַרטן געוועב.

גיב אַ קוק, ווי עס זעט אויס פֿון אויבן
די פֿאַנטאַסטישע פֿלאָרע, ווי שיין
וואַרטן יענע, מען זאָל זיי באַשטויבן,
די באַפֿרוכפּערן זיך אַליין.

ווינטבאַשטויבונג און אַלאָגאַמיע
(פֿרעמדבאַשטויבונג), און דורך אַן אינסעקט
אויסגעפֿילטע ענטאָמאָפֿיליִע
(וואָס נאָך מער, מסתם, רייצט און דערוועקט).

איינגעשלעכטיקע פֿלאַנצן (די נאָרמע
פֿאַר אַ מענטשן און בעל־חי);
צווייגעשלעכטיקע (פֿאַרבן און פֿאָרמע
בלײַבן וועגעטאַטיווע דערבײַ);
אומגעשלעכטיקע...

ווי אויף אַ סצענע
ווײַזט דאָס לעבן זײַן פּראַכט און זײַן ווויל,
נישט ווי אונדזערע בלומען, אירענע,
אויסגעוועבטע פֿון ניט־זײַן און הויל.

אַך, די זונצאַפּנדלעך און דאָס קניפּל,
די בלאַטפּאַכוועס, דאָס מערזשל, דאָס אָרט
וווּ די אָפֿענע מײַלער אָן ליפּן
צום נעקטאַר־דריזל ציִען זיך דאָרט.

און די קאַפּראָפֿיקאַציִע: פֿײַגן
- שוין אויף פּעלאָפּאָנעס, אין דער ווײַט -
לייגן זייערע מענלעכע צווײַגן
אויף דער בלומפֿולער ווײַבלעכער צווײַג.

I.F.

כ״א

װי אַ פּאָר צניפֿלעך אין צװײ װיגן,
אין צװײ טולפּאַנען - רויט און בלאָװ -
אין הימל איבער דײַטשלאַנד ליגן
און װיגן מיר זיך, פֿיס ארויף.

די בערג, די זון און די מלאכים
בײגן זיך אָן און קיצלען אונדז
די פּיאַטקעס ראָזעװע, און זוכן
אין תּוך - ס׳פֿאַרכאַפּט זײ אונדזער קונץ!

די לאַנען הוידען זיך, די רחבֿות
העט אונטן - אין אַ ברײט געװיג
פֿון דרום־מזרח װײַט צום Nordwest
און פֿון דער Nordsee אויף צוריק.

און מיר, מער שיכּור װי פֿאַרפּלאָנטערט,
פֿליִען אַריבער פֿראַנק און פֿרײַ
פֿון װילדן צװאַנציקסטן יאָרהונדערט
אין גליקלעכן יאָרטויזנט דרײַ.

עס שטראַלט אַרום, די װעלט איז פֿרײַנדלעך,
און כ׳שרײַ צו דיר: איך האָב דיך ליב!
מײַן קול פֿאַרטראָגט אונדז אַזש קײן פֿראַנקרײַך,
װוּ ס׳האָט געלעבט זשעראַר פֿיליפּ.

אינהאַלט

זיי פֿליִען ווי פֿון אונטער דר׳ערד אַרויס - -
די ביימער ווילן אויכעט פֿליִען - -
יוצר־משרתים - דער שמעקער פֿון אַסטרעס - -
אויף בלימעלעך פֿון וואָס פֿאַר אַ קאַליבערס - -
אין אָנדענק פֿון היעראָנימוס - -
נישט קיין בוקעט פֿון רויזן - -
דער שטאָף־ און לופֿט־אומבייַט - -
דער גרויסער בלאָזער לאָזט זיי אָפּ - -
אַן אויפֿרייַס פֿון אַ בלום אין הימל - -
אַ האַלבער הימל איז באַוועגלעך - -
די לופֿט האָט ניט קיין פֿאַרבן און קיין שפּראַך - -
דער צוקער איז אַן אָרגאַניק־שטאָף - -
דער ווינט פֿון די אַלפּן, דער פֿען - -
וואָס איז די נשמה אין פּוסטן קאָנטור - -
אַ גאַסט פֿון אַ וועלכן יאָרטויזנט - -
זאַט מיט פֿעלדאַפֿינגער קרעפּלעך - -
איבער דער ריזלענדיק־ריזיקער אָזערע - -
- - Im frühen Herbst mit roten Bäumen
וואָס פֿעלט אונדז, אַז מיר זאָלן לעבן - -
גיב אַראָפּ נאָר אַ קוק - וויפֿל בלומען - -
ווי אַ פּאָר צניפֿלעך אין צוויי וויגן - -

INHALT

Zey flien vi fun unter dr`erd aroys --
Di beymer viln oykhet flien --
Ioytser-meshorsim – der shmeker fun astres--
Oyf blimelekh fun vos far a kalibers --
In ondenk fun Hieronimus --
Nisht keyn buket fun royzn --
Der shtof- un luft-umbayt iz bay di blumen --
Der groyser bloser lozt zey op --
An oyfrays fun a blum in himl --
A halber himl iz baveglekh --
Di luft hot nit keyn farbn un keyn shprakh --
Der tsuker iz an organik-shtof --
Der vint fun di Alpn, der fen --
Vos iz di neshome in pustn kontur? --
A gast fun a velkhn yortoyznt --
Zat mit feldafinger kreplekh --
Iber der rizlendik-riziker ozere --
Im frühen Herbst mit roten Bäumen --
Vos felt undz, az mir zoln lebn? --
Gib arop nor a kuk – vifl blumen --
Vi a por tsniflekh in tsvey vign --



XXI

Vi a por tsniflekh in tsvey vign,
in tsvey tulpanen – royt un blov –
in himl iber Daytshland lign
un vign mir zikh, fis aroyf.

Di berg, di zun un di malokhim
beygn zikh on un kitslen undz
di pyatkes rozeve, un zukhn
in tokh – s'farkhapt zey undzer kunts!

Di lanen hoyden zikh, di rakhves
het untn – in a breyt gevig
fun dorem-mizrekh vayt tsum Nordwest,
un fun der Nordsee oyf tsurik.

Un mir, mer shiker vi farplontert,
flien ariber frank un fray
fun vildn tsvantsikstn yorhundert
in gliklekhn yortoyznt dray.

Es shtralt arum, di velt iz frayndlekh,
un kh`shray tsu dir: ikh hob dikh lib!
Mayn kol fartrogt undz azh keyn Frankraykh,
vu s`hot gelebt Gérard Philipe.

XX

Gib arop nor a kuk – vifl blumen
in di felder, oyf lonkes, in vald
oyf di beymer, in dorf arum brunem
hobn sikh oyf der erd oyfgepralt.

Gants geblum un geblim – blumensheydlekh,
honik-bekherlekh, griflekh un knep,
shmole piskelekh, pestlekh un hoytlekh,
ale artn fun tsartn geveb.

Gib a kuk, vi es zet oys fun oybn
di fantastishe flore, vi sheyn
vartn yene, men zol zey bashtoybn,
di bafrukhpern zikh aleyn.

Vintbashtoybung un alogamie
(fremdbashtoybung), un durkh an insekt
oysgefilte entomofilie
(vos nokh mer, mistam, reytst un dervekt).

Eyngeshlekhtike flantsn (di norme
far a mentshn un balekhay);
tsveygeshlekhtike (farbn un forme
blaybn vegetative derbay);
umgeshlekhtike...

Vi oyf a stsene
vayzt dos lebn zayn prakht un zayn voyl,
nisht vi undzere blumen, Irene,
oysgevebte fun Nit-zayn un hoyl.

Akh, di zoygtsapendlekh un dos knipl,
di blatpakhves, dos merzhl, dos ort
vu di ofene mayler on lipn
tsum nektar-drizl tsien zikh dort.

Un di kaprofikatsie: faygn
– shoyn oyf Pelopones, in der vayt –
leygn zeyere menlekhe tsvaygn
oyf der blumfuler vayblekher tsvayg.



XL

XIX

Vos felt undz, az mir zoln lebn? –
vi groz, poshet lebedik sayn,
vi blezerlekh-zoymen es shvebn,
vi lilies shvimen in shayn.

Vos felt undz? Dos groyse Nit-visn?
Bashtoybung in feld, a min seks?
Fun zunshtral glukoze a bisl –
dos $C_6H_{12}O_6$*?*

A dzhegekhts-kap fun a yung nisl,
kh'zol biter farzisn di zind?
A bisl... Ikh veys nisht, a bisl
fun dem, vos es felt undz atsind...

Der himl, di puste arene
planirt in a harbstiker shayn –
tsvey luftblumen, kuk nor, Irene,
zey shvimen in himl arayn.

Di bloy heybt zey on tsu fargisn,
der royter fargang-sof in feld.
Nit umshterblekhkayt, nor a bisl
fun lebn – iz dos vos zey felt.

Zey flien nit-erdish, zey kumen
fun vaytns, keyn guf un keyn greb,
tsvey bloy-royte, royt-bloye blumen
mit fremdn un toytn geveb.

XVIII

Im frühen Herbst mit roten Bäumen
am stillen See bei Feldafing
heb auf den Blick: in weiten Räumen
ein weißer schwerer Schmetterling,

ein Engel flattert, so altmodisch,
über dem Chaos – Wald und Moos,
und so zeiträumlich, fast talmudisch,
sieht der erhellte Weltraum aus.

Und Omina aus nächsten Ären
schon schwellen an im Abendlicht
wie große luftgefüllte Zähren,
verloren, ach, von Gottes leerem
Angesicht.

XVII

Iber der rizlendik-riziker ozere,
ibern Alpn-shipue in der vayt
hengen lazureve, grine un rozeve
groyse butonen farloyrener tsayt.

Oybn, in Feldafing, kukt shoyn dos shtetele
f e r n – dem lang shoyn dervartenem matsh.
Untn, baym breg – shteyt un lakht a kleyn meydele,
tentslt, un redt mit der mamen oyf daytsh.

S`kumt oyfdernakht. Es farvaldikt zikh, endert zikh,
vert umbanemlekh di landshaft, kh`bamerk,
vi nit bamerklekh mayn lebn farendikt zikh...

Leyder nit do tsvishn vaser un berg.

XXXIV

XVI

Zat mit feldafinger kreplekh,
haksn, kneydl, kroyterduft –
geyt der man oyshakn treplekh
in der feldafinger luft.

Het aroyf – oyf 100 verstes.
Nisht in Alpn – nor in al,
nisht vayl er keyn alpinist iz,
nor vayl er iz genial.

Shtaygt aroyf – un alts gefelt im.
Steyt, batrakht dos himlvarg –
un heybt oyf ibern veltal
shoyn a nayem tsoyberbarg.

Arum shpits – luftblumen vaksn.
Shteyt er, kukt, aher-ahin –
nemt a tulpen, vi a taksi,
a min roytn tsepelin.

Un di Opas, un di Omas,
un di Bubn – vi fun a lokh,
fun der tif im shrayen: Tomas!
fun der erd im rufn: To!-mas!
fun der tsayt im betn: To... mas...

Nor sayn nomen geyt im nokh.

XV

A gast fun a velkhn yortoyznt
s`gekumen tsu flien tsu mir? –
a prakht fun di kinftike royzn
fun luft, fun a kholem-kolir.

Der vint hert nit oyf zey tsu gletn.
Un ibern leydikn guf
akh, zunkielekh fun ganeydn
marshirn arop un aruf

un zukhn dem veg, Z a y n e drokhim
tsum lebn – arop un aruf,
un dringen, vi Yankevs malokhim,
arayn in m a y n g e t l e k h n shlof,

un kern zikh um, vi keseyder,
tsurik in S a y n m e n t s h l e k h n shlof –
aza gor umendlekher leyter,
aza oyfgeblozener blof.

Un untern luftshirem groysn
in feld – in der breyt, in der leng –
shoyn toyznter kinder un royzn
fartshepen di himlshe krenk.

XIV

Vos iz di neshome in pustn kontur? –
di biohemie fun toyter natur.

Vos shaft zikh, oyb s`shaft zikh, un veynik tsi fil,
der hoyptkomponent fun a blum – khlorofil?

Tsi ken garantirn dem tsvaygele bez
a farb un a reyekh der fotogenez?

Onsetikn, efsher oyf eybik eyn mol,
di blum mit nektar un mit zaft – mit krokhmal,
mit tsartkayt un sheynkayt un shemevdikayt...

Vos zogt Timiryazev, der boki? Er shvaygt?

Ikh efn dem fentster.
Di blumen in himl.
A prakht fun a royz.
A toyt ful mit lebn.

S`iz ofn di tir.
Der tsimer mit dir.
A nakht mit a moyd.
A lebn ful toyt.

A lange, onmekhtike, likhtike nakht.

Iz ot vos s`iz libe, ven m`hot zi fartrakht
in kholem, in himl, in gram oyf papir...

Fal tsu, vig zikh tsu oyf dayn luftblum tsu mir!

XIII

Der vint fun di Alpn, der fen, di magnetishe vyuge,
vos makht shoyn meshuge
dem gantsn perzon-bashtand fun militerisher baze
in shlof, in a faze
fun shtarbn tsi khaleshn, in di barimte kazarmes
fun far der milkhome, un shpeter, ven naket un borves
dershlepn zikh flegn aher di farvoglte, fun di katsetn, –
der vint fun di Alpn, vos lozt undz keyn koyekh a glet ton
dayn sametne lend mit der smutner mayn hant, oyfn raykhn
bet-shetekh, antkegn dem sheynem trumo, vu s`dergreykhn
di Alpn-shipoyim aher tsu , biz undzere gufim, –
der vint fun di Alpn, der fen, oder vi du vilst ruf im,
blazt oys, blozt aroys tsvishn mandlen un veykhn gumen
dem dikh funem mentshn – un s`shvebn in fentster
luftblumen.

der tsuker

iz an organik-shtof, der iker.
Der koylndioksid ober, un s`vaser –
tsvey toyte anorganishe substantsn.

DI FLANTSN ZAYNEN OBER NIT KEYN SHVANTSN!

DI FLANTS VEYST VI AZOY
fun anorganik – an organik *sintezirn.*

LOMIR NOKHSHPIRN:

vu nemt a blum dem koyekh oystsufirn
aza gigantishn sintez-protses?

ES
IZ

di getlekhe energie fun sun.

FUN

$$6\ CO_2 + 6\ H_2O + \textbf{shtralung} \longrightarrow C_2H_{12}O_6 + 6\ O_2$$

DERMIT

iz der printsip fun fotosintez
formulirt.

UNTER DER VIRKUNG FUNEM SUNENLIKHT

farbindt der khlorofil, a griner farbshtof,
dem koylndioksid fun atmosfer
mit vaser – t`iz er, der glukoze-tsuker!

ZOYERSHTOF

antshteyt bloyz vi an **OPFAL –**
PRODUKT, of
unde eşti drăguţa…

XI

Di luft hot nit keyn farbn un keyn shprakh.
Ikh lakh, beshas fun luft butonen kh`makh.

Fun Rosainsel, fun a boym a krumen
loz ikh in himl groyse royte blumen.

Ikh gib a shprung fun tsvayg arop. Ikh zog:
Hop! Voila, signori! Guten Tag!

Mir zenen do. Zet: royzn tsvishn krayter.
A himltrik. Di klouneray geyt vayter.

Butonen shvimen, hengen iber taykh.
Tsi koyft ir blumen farn fertn raykh? –

vayl shoyn tsepralt hot zikh in himl plutsling
a blumenraykh fun München un biz Tutzing.

Nor oyb mayn trik aykh nit vi imponirt –

____

____

____

__________Brahms_______ hier _________ Wer _____________________

______err___________ at _____________________ kekom ______ niert _

–He– –ha– –ei– —

–dre– –po–

X

A halber himl iz baveglekh –
a shtrom a nakhtiker a min,
un groyse lilies pamelekh
in shlof bavegn zikh oyf im.

Di gele, royte luftbutonen,
fartroymt... Un plutsem a fantom –
a vayser, dakht sikh, az mit tonen
ibergelodener kondom.

Fun hartn likht a durkhgeshtralter,
fun dem levone-toytn likht,
farshtumt in eyn zikh onzen halt er
in gantser greys un lastgevikht.

Er iz kimat oyf nit tsu gleybn
mit zayn in shayn farshpartn dor –
a shpalt tsvishn natur un lebn,
a shtumer lokh in engl-khor.

Er hengt arop un shvimt oyf mayrev.
Es trogt im shver der kosmos-vint,
un s`hert zikh, vayt shoyn iber Bayroyt,
vi s`veynt aroys fun im a kind.

IX

an oyfrays
fun a blum
in himl

a shternfal
in mitn
nakht

a shterndl
a shpliter
bliml

falt dir arayn
in shlof
a prakht

VIII

Der groyser bloser lozt zey op
in himlbloy on shum akhrayes,
zey vandern azoy arkhayish
iber di felder, dorf un shtot.

Vi dirizhablen – pust un dik,
vi zeyfblezlekh – di klenste blimkhen,
un blaybn hengen iber Minkhen
mit 66 yor tsurik.

Un shoyn di yorn-tsol aleyn,
tsvey Yokhanans zeksn, zeks un sekhtsik –
zey dreyfn vayter, vern zeksish,
holendish, holstaynish... Oy vey,

zey zaynen shnel in flugfarmest,
zey vern fil, in fli farmerte,
un ***p l a t s n****, vayt shoyn fun Waldberta,*
un s`shit zikh gelkayt oder pest.

Nisht ikh, nisht ikh hob zey geflantst
azoy sakonesdik un drastish.
Kh`bin ersht geboyrn nayn un draysik
un dan gezen dem roytn ***p l a t s*** *.*

VII

Der shtof- un luft-umbayt iz bay di blumen
an eksistents-bading, vi oykh baym shteyn.
Ober a bloyse blum in himl bloen,
vos hot keyn guf, un luft iz zi aleyn?

Zei baytn zikh mit formen, mitn tsugvint
un shayn, mit der onvogikayt un greys.
Vi dos kumt for, vos vert fun dem? – ikh zog nit,
khotsh ikh, der eyntsiker fun aykh, dos veys.

A goyrl, vos s`iz nit faran keyn bestn.
Zey kindlen in der luftn, un – ir hert? –
zey darfn nisht keyn shtoybfedem un pestl,
biz vanen ikh gefin sikh oyf der erd.

Farsheydn zaynen zeyere blumenartn.
Nor vifl s`iz bashert zey, vi ikh gleyb,
azoy fil veln heysn ale sortn
Tulpan-ben-Lev, tsi Lilie-bat-Leyb.

Un du, un ir, vemen ikh pruv dervekn
un kh`gib aykh zey a blik ton un a rir –
lozt nisht aroys, ven ikh vel shoyn avekgeyn,
di luftblumen – farmakht nokh mir di tir.

VI

Nisht keyn buket
fun royzn nor a groys
un luftik blezerl groys efsher vi a hoyz
tsi vi a barg tsi gor vi a planet
oder planet-sistem vos plutsem vet
tseshitn zikh – vi nor du s'blumvarg dos
nemst in der hant un – na dir! – kh`makh a bloz
un a tselakh zikh...
Akh, vos far a velt
tseflit, tseflist, tsegeyt zikh, vakst un kvelt
loyt Eynshteyns shlofgesetsn – un vi s`past
der kosmos tsu dayn ponim: a min pas
fun vayse shtern-obyektn nemt arum
dem kop – dem milkhvegikn dayn oval, l`amour
l`amour zingt dos Platon-sistem...

S`iz stam?

V

In ondenk fun Hieronimus – in eynem
veln arayn mir in a groyser blum
un zikh tselakhn dort oder tseveynen
tsi efsher shvaygn, kukndik arum.

A royte velt, fun oysn oysgeboygn,
shpiglt zikh op un reytst – in dayne oygn.

In ondenk fun mayn lebns-yomtev groysn
voltn mir do nokh tayves nit gebenkt,
ven ober kh`veys, tsi zet men undz fun droysn,
tsi s`do khotsh eyner ver undz fargedenkt.

Nartsis baym vaser, flakhn vi a shisl,
iz kegn mir – a pisher, a nartsisl.

In ondenk fun oysshepiker fargesung
hob ikh farflantst di luft, s`holel-geblum,
un s`tsitert, glaykh vi s`tsitert far a beyz oyg,
der oysgehoylter, hoyliker arum.

Nor du un ikh. Un dos iz shoyn a nes.
Gib mir a kush, Irene, un farges.



IV

Oyf blimelekh fun vos far a kalibers
flien tsunoyf zikh nashn di kolibris?

Oykh mayne blumen hobn nisht keyn nomen.

Zey hobn nisht keyn tsaytgrenets un adres –
es flien pterodaktels, s`flien odlers,

der malekh mit di toyznt oygn gufe –
di eybikeyt iz, eygntlekh, zayn tkufe.

Zey pikn oys di riznblumen mayne.

Ot landet oyf mayn shenster, vi a layner,
der monster umgehayerer – farhungert
un dorshtik zupt er s`tsvantsigste yorhundert.

Un s`rint aroys di ziste tsayt di same:
mayn mame rizlt, akh, mayn yunge mame...

Es flist, es shprudlt un es falt a tropn,
un tsu farshtopn – hob ikh nit keyn propn.

III

Ioytser-meshorsim – der shmeker fun astres
Rayst op a luftbliml, kukt, un tserayst es –
Epes gefelt mayn bereyshes im nisht.
Nemt der meshoyrer, der shtilster meshores –
Er klept mit zayn sline, farneyt shoyn mit shures,
Filt on mitn otem dem blumknosp – un kusht.
Rizike royzn un royte tulpanen
Efenen oygn – un flien, un shpanen
Noent un vayt in der bloykayt – ehey!
Kum mit zey mit in der luftn, Irene,
Ergets dort vart shoyn oyf undz di arene –
Lakhn un letseven, veynen fun vey.

II

Di beymer viln oykhet flien.
Zey nemen on a fuln guf
mit luft – s`umzist ober dos mien,
dos tsien zikh in heykh aruf.

Tsu langtsvaygik un tsu shveryorik,
un tsu holtsfleyshik iz der tul,
un di farvortsltkayt – tsu troyerik
oyf tsu oyfflatern a mol.

Di erd, der humusgrunt, dos ayzn
in tifenishn, der magnet
fun glob – derlozt keyn himlrayzn:
zey halt, zey haltn dem planet.

Bloyz eyn mol, efsher, in zeyer lebn,
in a meshuge-vayser nakht,
pruvt di levone zey oyfheybn –
di erd heybt on aleyn tsu shvebn
un iber zey farlirt di makht.

Zey vagn ober nit tsu gleybn:
der pakhed zitst in zey un lakht.

I

Zey flien vi fun unter dr`erd aroys
un shvebn, vi balonen, iber dekher,
zey otemen un vern vunder-groys,
di luft filt on dem goylem, hert, zey dekhen .

Di vortslen – dine lange fedem shayn
tsien zikh nokh un hengen in der luftn,
un pitslekh nakht, vi breklekh bodn, duftn
mit khoyshekh untererdishn un payn.

Un ir, mit ayere farbn un molbertn,
ir heybt di oygn oyf un loyft zey nokh
arum der vile prekhtiker Waldberta
mit irn shpits ibern hoykhn hoyz,
vos lekhert durkh dem luftkontur – a lokh
fargist dem roytn blat – un bald shoyn vert er
a shed – un s`rint di blum fun im aroys.

Sound equivalent

[A]	Similar to ***a*** in ***father***
[U]	Similar to ***oo*** in ***fool, pool***
[OY]	Shorter than ***oy*** in ***boy***
[ZH]	Like ***s*** in ***measure***
[I]	Similar to ***i*** in ***fit***
[Y]	Like ***y*** in ***yes***, before or after another vowel
[EY]	Similar to ***ey*** in ***grey***
[AY]	Similar to ***i*** in ***fine***
[E]	Similar to the ***e*** of ***bet***
[KH]	Like ***ch*** in German ***ach***
[R]	Produced by trilling either the tip of the tongue or the uvula
[SH]	Similar to ***sh*** of ***shoot***

LUFTBLUMEN



Yiddish-English Transliteration

CONTENTS

They fly upward as from underground…
The trees also want to fly…
In God's abode, He – Smeller of asters…
And to those flowers grown full-size…
In memory of Hieronimus you and I…
Not a bunch of roses…
Metabolism, air-circulation, principle of existence…
The Great Blower is blowing them up…
The explosion of a flower…
Half the sky is moving…
The air is colorless, nothing spake…
The sugar is organic substance...
This wind off the Alps, this foehn…
What is a soul of hollow contour?..
From what millenium, a guest…
Full of Feldafing's kreplech…
Over the azure lake streaming…
In early autumn with its red trees…
What do we need to survive?..
Just look down at all the blossoms, dear…
Like two children in two cradles…



XXI

Like two children in two cradles,
two tulips red and blue,
over Germany we are lying,
swinging our legs in full view.

The sun, the mountains and the angels
kneel down to pluck our rose,
are looking for the little petals
to poke us in the nose.

Swinging meadows, spaces far
below the wide expanse,
from far Southeast to far Northwest
from the North Sea they advance.

Though we are drunk, we have not gone
astray so easily,
we are flying to the third millenium,
from the twentieth century.

The friendly world is shining round
I call you in my sleep,
my song carries us off to France
where lived Gérard Philipe.

XX

Just look down at all the blossoms, dear,
upon the fields and meadows wide,
and in the forest, trees once bare,
are filled with blossoms everywhere.

Watch, how they look from above
the Flora so fantastic, so quietly
some are waiting to be pollinated,
others get impregnate themselves.

Flowerness flowering little vaginas,
calyces, shafts and buttons with honey,
pistils and pellicles, narrow stomata
tender and sweet in harmony.

Wind-pollination and alogamie,
and done by means of an insect
teasing enthomophilie
(that is probably more tickling and exciting).

Plants: unisexual (it's a norm
for man and beast);
bisexual (colors and form
stay vegetable yet);
sexless plants…

As if on a scene
life demonstrates its good-will,
but you and I, Irene,
are just two flowers heavenly-ill.

Ah, these small nipples and nodes,
armpits of leaf and growth,
open their lips and antipodes
to reach the nectar's mouth.

And that caprification: figs
– far away, on Peloponessus –
lay their flowering male branches
upon female branch… Every success!

XIX

What do we need to survive?
like grass to grow, simply to exist
as seeds of dandelions strive,
as lilies floating in the mist.

What do we need? the Great Unknowing?
pollination of the field with every sex?
a little sugar flowing
from $C_6H_{12}O_6$?

A drop of oil from a young nut
to sweeten the bitter taste of sin?
A little, I don't know, a little of what
spice to put in.

The firmament is a coliseum
gliding in the radiance of Autumn.
Look, Irena, two flowers, over there,
floating above the atmosphere.

The azure is beginning to fill
the red sunset in the field,
not immortality, but just a little
life is what they feel.

Flying above the earth they view
the distance, neither flesh nor mass,
two flowers blue-red and red-blue,
over the dead they pass.

XVIII

In early autumn with its red trees
near the quiet lake of Feldafing
look up in the sky, in the distance
a huge butterfly-angel is flying,

fluttering, old-fashioned, angelic
above chaos, above forest and thickets
the universe in time
in spacious, almost Talmudic.

Coming eras are swelling in decline,
light sunset fills the air,
from the emptiness of God, a sign,
filling the emptiness with tears.

XVII

Over the azure lake streaming
above the distant Alpine slopes,
huge buds of blue and pink are hanging,
green buds of lost times and hopes.

Up there Feldafing is watching
the long delayed match on t.v.,
down near the bank a little girl stands laughing,
tapping her heels, speaking German to her mommy.

It comes in the night, the landscape is changing.
Incomprehensibly, unnoticeably
my life is drawing to a close.

Pity not here, between water and mountains, quietly.



XVI

Full of Feldafing's kreplech,
lukshin, kneidl and cabbage smelling,
man is shaking the steps
in the air over Feldafing.

Upwards of a hundred miles
beyond the Alps, in the universe
he is an Alpinist, but also
somewhat of a genius!

See, he is rising up. Everything he likes,
he stands examining the household sky,
constructing now above the galaxy,
a fairy mountain – ah, such lofty pikes!

And at the top there grows airflowers many,
who now recalls a time there weren't any.
He picks a tulip now to hitch a ride,
on a red zeppelin, down the Alpine slide.

And the Kids and the Opas and Omas
as from abyss, or from dream,
out of the depths cry: Thomas!
from the earth calling: Tho!-mas!
from the time asking: Tho…mas…

Only the sound of his name reaches him.

XV

From what millenium – a guest
comes flying in my direction?
luxury of future roses drift
in dreaming colors of perfection.

The wind won't stop to caress,
but over my hollow crown
passes…ah, ladybirds from paradise
go marching up and down.

They are looking for His ways,
go marching up the line
into my life, like Jacob's angels
into my dreams, divine,

and to return as always will
back to His dream of man,
such an endless ladder climbing
such an endless scam.

And under the vast umbrella, air-
flowers in the field drift by,
thousands of kids and roses there
catching the sickness from the sky.



XIV

What is a soul of hollow contour?–
biochemistry of dead nature.

How does it generate, much or little
of its principle element, chlorophyll?

Can photosynthesis guarantee
the color and smell of a lilac or tree?

Can it be fed once and for all
with nectar and juice and tenderness swell
with beauty and innocence?

What does Timiryazev say? he is silent.

I will open the window.
Flowers in the sky.
The luxury of rose.
Death full of life.

The door is open too.
The room with you.
Night with a maid.
The life full of shade.

A long exhausting night's enlightenment.

So this is what love is, when it is found
in dreams, in the sky, in rhymes that spin around…

Sway to me in your flower, which is so late.

XIII

This wind off the Alps, this foehn, the magnetic windhaze
makes now crazy
full regiments at the military base
while they sleep through their phase
of dying or fainting in their barracks
before the war, after the war, when naked and barefooted
DPs used to come from the KZs, –
This foehn from the Alps uproots the rooted
drains the energy to caress your silky thigh, my sad hand spreading
on the square bed beside the mirrored glass
Alpine slopes reach down into our bodies, –
This foehn from the Alps, you can tell it like it is
puffing out between the nostrils, the palate and the ribs
the breath of a man, airflowers
soaring through the window.

THE SUGAR

is organic substance:
carbon dioxide, however, and water
two inorganic substances, dead

PLANTS ARE NOT DUMB FOOLS!

They know how to be
From **INORGANIC** TO **ORGANIC** SYNTHESIS

let's examine the process:

where does a flower get the force to fulfill
so gigantic a synthetic process?

THIS
is radiation, the energy from the sun

FROM

$$6\ CO_2 + 6\ H_20 + \text{sunlight} \longrightarrow C_2H_{12}O_6 + 6\ O_2$$

OUT OF THIS
the principle of photosynthesis
formulates.

Under the influence of sunlight
chlorophyll, the green color in plants generates
CARBON DIOXIDE FROM THE ATMOSPHERE
and water – this is glucose!

so
oxygen

only a **SEDIMENTARY**
PRODUCT, oh
unde eşti drăguţa…

XI

The air is colorless, nothing spake
I laugh with every flower I make.

From Rose isle, from crooked tree
I raise red blossoms in the sky.

I jump from branch to branch, I say:
– Hop! Voila, signori! Guten Tag!

Mir zenen do! – look, roses grow
among the weeds where clowns will go.

Buds are drifting, hang over water.
Will you buy flowers for the Fourth Reich?
Already blown in the open skies,
the Reich's flower from Munich to Tutzing, flies.

And if this trick doesn't seize you –

____

____

____

__________Brahms________ hier __________ Wer ______________________

_______err____________ at ______________________ kekom _______ niert _

–He– –ha– –ei– —

–dre– –po–

X

Half the sky is moving
in the night's jetstream
large lilies floating
slowly on a dream.

Yellow, red, airy buds
lost in reverie, suddenly white
phantom loads
of overflowing condom.

Visible by dead moonlight
appears rigid, silent, still
to be seen by dead moonlight,
too heavy in size and will.

Colossus, hard to believe its radiance
generates aurora enclosed fire
through a hole in nature, in reverence
to life, a pause in the angels choir.

It hangs and flows west
dragging the cosmic wind wild,
one can hear it, far away in *Bayroyt*,
a crying child.





IX

the explosion
of a flower
in the sky

stars shooting
in the middle
of the night

a star
a splinter
of a flower

falling
into your dream
luxurious

the explosion

of a flower

in the sky

stars shooting in the middle of the night

a star

a
s
pli
nter
of a flower

falling
into your dream
luxurious

VIII

The Great Blower is blowing them up,
up into the blue skies,
they wander archaically above the fields,
over the town and countryside.

As dirigibles, hollow they blow
like soap bubbles, little flowers
hanging over Munich towers
sixty-six years ago.

Now the apocalypse, John's
two sixes, sixty-six years,
to the land of the Saxonsix,
Holsteinsix, Hollandsix…Vey'z mir!

Fast they move in their flying
in the air multiplying,
far from Waldberta, bursting yellow
flakes of poison for the plague to follow.

It wasn't me, I didn't sow toxic flowers
so dangerously sick
in red square bursting thick –
I was born in thirty-nine yet, before the storm.

VII

Metabolism, air-circulation, principle of existence
in flowers, as in stone too,
but empty in blue sky dance
without a body, in air colored blue.

They exchange forms and radiance
these blowings of wind,
weightlessness, size and distance,
I alone among you know its mind.

It is fate, and no fate better
than to bear children in the air.
They need neither stamen nor pistil
as long as on earth I am here.

Various genus of flowers are…
But as long as they exist, I believe
their sorts will bear the names as stars,
as Tulip-ben-Leyb and Lily bat-Lev.

And you and all to whom I say
to touch and see along with me,
don't let them out when I pass away,
just close the door behind me.

VI

not a bunch
of roses but a big
airy dandelion, big as a house, big
as a mountain or a big lunch
as a planet or planetary system scatters
what you and I, Irena, have gathered
with all our strength gathering and blowing
the flowers growing
laughing at the world
oh what a world
scattering, spreading, growing and pacing
according to Einstein's laws of sleep,
how suits the cosmic white stars leap
upon your face like a ribbon, embracing
your face, the milky-way oval, L'amour
L'amour, Platon's system singing.

Is it for nothing?



V

In memory of Hieronimus, you and I
will enter a large blossom together
burst into tears that make us cry,
or peer in silent laughter.

The red world rounded circumscribes,
reflects upon your naked eye.

In memory of my holiday with you
I would make love to you again,
if someone memorized the view
and watched us from the outside in.

Narcissus by the water waits
and flaunts my image in his face.

In memory of oblivion
I've sown these hollow flowers here,
they tremble in the open air
before the world, an evil omen.

Just you and I, we are twice blessed.
Kiss me, Irena, and forget the rest.

IV

And to those flowers grown full-size
the hummingbirds come to rise?

Yes, to my many flowers with no names…

They have no date or address –
the flying pterodactyls and eagles,

the angel himself with a thousand eyes
in eternity, his time carries.

All pick these lovely flowers of mine.

An enormous monster like an airplane
lands on the biggest flower. Thirsty,
it sucks the life out of the twentieth century.

The sweetest time flows out, the sweetest time,
my sweet young mother passing out of time.

Everything flows, seethes and drops
I have no clock to stop the stops.

III

In God's abode, He – Smeller of asters
Renders blossoms, torn to pieces.
Each petal, his divine servant
Now, the poet takes the flowers in his hand,
Each blossom pairs and binds with careful patches,
Fills bud with breath, and gentle hot caresses,
Repairing the seams with many-colored stitches.
Every gigantic tulip and red rose,
Now open their eyes and walk to heavenly Venus,
Kindling the stars with flower-scented clothes.
Eons of love, Irena, will light our tomorrows,
Love without pain of loss, or earthly sorrows.



II

The trees also want to fly
they fill their trunks with air,
but cannot rise, however they try,
too many branches burdened by years

of wood and trunk-like flesh
rooted in tragedy, strike deep
too deep beneath the ground to reach
layer upon layer of breach

where humus and iron sleep
like a magnet,
will not let go a single tree
to fly above our lonely planet.

Perhaps once in a lifetime
the crazy white moon
tries to raise them
while the earth like an empty balloon
can no longer climb.

They cannot believe so soon
how deep the fear that laughs at them.

I

They fly upward as from underground,
and float like balloons above the rooftops,
inflate and become beautifully round
filling their emptiness with air, as they rise and drop.

The roots' thin threads of light
are drawn behind and hanging in the air
patches of black earth breathing everywhere
the gloom of death and pain of endless night.

And you with your paint and easel,
you have eyes that follow them
around the lovely villa Waldberta,
around the spire rise high above the house
piercing their content with a pin,
washing the petal with red, now from inertia,
the demon rising out of him…

AIRFLOWERS

from Yiddish

free-version by Elazar Larry Freifeld

Design by Alexander Ganelin

ale
xan
der
graphic
design
studio

ISBN 965-7012-46-5

I. L. Peretz Publishing House
14 Brenner St., Tel Aviv, Israel

Printed in Israel

Lev Berinski
poem

Irene Frenkel
painting

AIRFLOWERS

Villa Waldberta
Autumn
1999

I. L. Peretz Publishing House
Tel Aviv
2001

Lev Berinski
poem

Irene Frenkel
painting

AIRFLOWERS

The poem ***Airflowers*** by Lev Berinski and the collection of pictures under the same title by Irene Frenkel were created in autumn 1999, in villa **Waldberta**, Feldafing, near the large Starnberger lake in the environs of Munich.

***

Lev Berinski was born in Kaushani, Bessarabia, in 1939. In 1991 he emigrated from Moscow to Israel. He now lives in Acre.

The first publication of his poems in Russian appeared in 1953, and in 1981 – in Yiddish. Berinski's poems have been translated into English, French, German, Hebrew, Romanian etc.

Lev Berinski:
"My flowers which consist of air, are won-derful, but only on a visual level, because they don't exist. The poem is, thus, about flora that was deprived of its materiality, written in a language in which the reader anticipates words referring to the extermination of the European Jewry."

***

Irene Frenkel was born in Kishinev, Bessarabia, and lived in Moscow until 1990 when she emigrated to the United States. She graduated from the Graphic Institute and represented in the eighties the Youth Movement of Russian non-conformism in Art. She now lives in Philadelphia.

Irene Frenkel:
"In my works I combine Jewish philosophy linked to the myth of the Creation of the world; the American concept of the coexistence of all forms including culture, religion and the like; and my Russian background which is expressed in a mythological vision of the universe."

***

Alexander Ganelin was born in Moscow in 1957. He graduated from The School of Arts and The Art Faculty of Moscow Cinematographic Institute. Since 1980 he participated in art exhibitions in Russia and some other countries.

Since 1991 he lives in Israel, in Bat Yam. He is busy with painting and graphic design.

Lev Berinski
poem

Irene Frenkel
painting

AIRFLOWERS